

# ברידער

**י. ל. פּרץ**

ווײַסע, ברוינע, שוואַרצע, געלע,
מישט די פֿאַרבן אויס צוזאַמען,
אַלע מענטשן זײַנען ברידער:
פֿון איין טאַטן, פֿון איין מאַמען.

אַלע מענטשן זײַנען ברידער:
שוואַרצע, ווײַסע, ברוינע, געלע,
אַנדערש זײַנען נאָר די פֿאַרבן,
די נאַטור איז דאָך די זעלבע.

אַלע מענטשן זײַנען ברידער:
געלע, ברוינע, שוואַרצע, ווײַסע,
פֿעלקער, ראַסן און קלימאַטן,
ס'איז אַן אויסגעטראַכטע מעשׂה.

פֿאַרבן = קאָליִרן
מישט אויס צוזאַמען : mix together
אַנדערש : different
נאָר : only
דאָך : still
די זעלבע : the same
פֿעלקער : peoples, nations
אַן אויסגעטראַכטע מעשׂה : a made up story

***ענטפֿערט אויף די פֿראַגעס:***

1. וואָסערע פֿאַרבן זײַנען אַלע מענטשן?

_______________ _______________

_______________ _______________

2. פֿאַר וואָס (why) זײַנען אַלע מענטשן ברידער?

ווײַל (because) זיי קומען פֿון _______________ און _______________

3. וואָס איז אַנדערש? די פֿאַרבן אָדער (or) די נאַטור?

_______________

4. וואָס איז די זעלבע? די פֿאַרבן אָדער די נאַטור?

_______________